אין אידיש

גליון שבועי לעילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

פרשת ראה תשפ"ו / גליון קצ"ב


הלימוד היומי בספרי חסידות

לשבוע הבעל"ט
ספה"ק **מאור עינים** (נשא)

| יום | מד"ה |
|---|---|
| ראשון | וזהו שאמרו חז"ל במשנה |
| שני | ולכן אמר הבעש"ט |
| שלישי | והנה מורי ורבי הרב מוה' |
| רביעי | וזהו תשועת ה' כהרף עין |
| חמישי | ומטעם זה הוא בלתי אפשרי עד סוף הפרשה |

צו באקומען אינדערהיים דעם חודש'ליכן קונטרס ערשטע חודש האלב פרייז, רופט 848-243-1624


מערכת "קול דודי"
א וועלט פון ליכטיגע חסיד'ישע שמועסן
אין אמעריקע
605.313.6695
אין ענגלאנד
033.0551.7811
אין ארץ ישראל
03.5.100.200
אלול איז ביים טיר!
שטארקע שמועסן אויף אלול
מפי חשובי המשפיעים
אין 'קול דודי' היכל המרכזי נומער 1


## חסיד'יש גערעדט

### א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# דער לעזונג אויף אלע ספיקות

## נישטא אזא זאך ווי ענדגילטיגע 'ברכות' אדער 'קללות'. עס איז פאראן איין זאך – און וואס אלעס ווענדט זיך: א זאך וועלכע ברענגט דיר צום "אשר תשמעו" – דאס איז א ברכה. און פארקערט – איז א קללה

אלע אויגן זענען געווענדן צום פלאטפארמע וואו די צוויי עלטערע ביזנעסלייט זענען געזעסן און איבערגעגעבן פון זייער ערפארונג אין ביזנעס דורכן פארמאט פון א פאַנעל. אלע ביזנעסלייט וועלכע פילן איבער דעם זאַל זיצן און שלינגען יעדעס ווארט מיט דארשט. פון איין זייט זיצט ר' שלמה - וועלכער פירט אן א קייט פון געשעפטן וואו מען פארקויפט טייערע מעבל, פון צווייטן זייט זיצט ר' אייזיק - א הויכער איינגעשטעלטער אינעם וועלט-בארימטן אפיס פון ארכיטעקטן. דער ביזנעס פאנעל האט זיך אנגעהויבן, און דער טשערמאן האט אנגעהויבן צו באהאגלען די ביידע מיט פראגעס.

"מיר אלע ווייסן", קומט דער טשערמאן אריין מיט א שטארקייט, "אז יעדער פון אייך איז א וועלט פאר זיך, איינער האט זיך אויפגעבויעט אן אייגענע ביזנעס, ער האט אינוועסטירט און געעפנט א לאקאל נאך א לאקאל - אין דער צייט וואס דער צווייטער האט אויסגעוועלט צו לעבן א גאנץ לעבן אלס געדינגענער ארבייטער. ר' שלמה, איר האט באשלאסן אויפצושטעלן אן אייגענעם ביזנעס. איך מעג אייך אפשר פרעגן: וואס האט געברענגט צו די דאזיגע החלטה? וואס זענען די בענעפיטן פון באזיצן אן אייגענעם ביזנעס - איבער דינען אלס געדינגענער ארבייטער? פארוואס לוינט זיך דאס אייך?".

ר' שלמה האט זיך ארומגעקוקט אויפן ציבור מיט א ליבליכן שמייכל: "איר ווילט הערן וואס מען פארדינט מער דורכן באזיצן אן אייגענעם ביזנעס? צוויי זאכן: 'שחרית' און 'בטחון'... לאמיר אייך אויסזאגן א סוד: ווען איך בין געווען א יונגער איינגערמאן, בין איך יארן לאנג געווען אן ארבייטער. עס האט מיר גענומען יארן צו אויפכאפן, אז דאס צושטערט מיר דעם גאנצן דאווענען. איך האב געמוזט ארויסגיין צום ארבעט גאר פרי, איך האב נישט געהאט קיין צייט צו לערנען פארן דאווענען, און איך האב נישט געהאט גענוג צייט צו דאווענען פאמעליך מיט כונה און מיט א ברען. אזוי אויך האב איך געשפירט, אז איך פארליר מיין 'בטחון' אויפן אויבערשטן. איך האב פשוט 'בטחון' אויפן 'בעל הבית'... דעמאלט האב איך באשלאסן אויפצושטעלן מיין אייגענעם ביזנעס, סיי ווייל דורכדעם וועל איך ווערן מער צוגעבינדן און אנגעהאנגען אינעם אויבערשטן, אז בלויז ער קען מיר שיקן קונדן. און אזוי אויך, וועט דאס מיר געבן די מעגליכקייט זיך צו גרייטן פארן דאווענען, צו דאווענען באריכות און צו לערנען עטליכע שעה נאכן דאווענען. און ברוך השם אז דאס טוט טאקע צו מיר דאס וואס איך האב געהאפט אז עס זאל טון".

"און וואס איז מיט אייך ר' אייזיק?", דרייט זיך דער טשערמאן אויס צום צווייטן ביזנעסמאן, "פארוואס האט איר ענדערש גענומען דעם מהלך פון זיין אן ארבייטער אויף א גאנץ לעבן? פארוואס האט איר נישט געעפנט אן אייגענעם ביזנעס פון ארכיטעקטעריי? דוכט זיך מיר, אז לויט אייער גוטע נאמען - וואלט איר געקענט אנפירן אן אפיס מיט צענדליגער ארבייטער?...".

"איך האב אויך געמאכט דעם זעלבן באשלוס ווי ר' שלמה", צולאכט זיך ר' אייזיק, "ערגעצוואו אויפן וועג בין איך געשטאנען פאר א 'פרשת דרכים' און זיך געוואקלט, צי זאל איך עפענען אן אייגענעם ביזנעס אדער זאל איך ארבעטן ביי יענעם. האב איך זיך אוועקגעזעצט מיט א פאפיר און א פעדער, און זיך געמאכט א חשבון פון אלע בענעפיטן פון ביידע צדדים, און ענדע איז מיר אויסגעקומען, אז לויט מיין תכונות הנפש, וועל איך נישט האבן קיין טראפ ישוב הדעת צו לערנען און דאווענען - טאמער איך וועל אליינס דארפן טראגן דעם עול פון א ביזנעס אויף מיין קאפ. און פון דעם איז ארויסגעקומען א קלארע החלטה, אז איך בין אן ארבייטער אויף געהאלט! דאס איז בעסער פאר מיין עבודת ה'!".

## וואו איז די 'ברכה'?

אונזער וועלט איז פול מיט שאלות, ספיקות, און קווענקלענישן. זאל איך טון אזוי אדער אזוי? זאל איך וואוינען אין דעם שטעטל אדער אין יענעם ישוב? זאל איך אריינגיין אין דער ביזנעס אדער אין יענע פאך? זאל איך זיך עקשנ'ען אדער זיך אונטערגעבן? און אזוי ווייטער אלערליי ספקות. און אסאך מענטשן זענען נישט אומשטאנד אפצומאכן וואס צו טון.

קומט דער 'אוהב ישראל' און שענקט אונז א 'קאמפאס' (מצפן) וועלכע ווייזט אונז די וועג און ענטפערט אונז אויף אלע לעבנ'ס פראגן!

צום ערשט שטעלט ער אוועק אן אינטערעסאנטע שאלה - וואס יעדער איד פרעגט זיך זעלבסט: צי לוינט מיר צו זיין רייך, אדער איז אפשר בעסער צו לעבן אין א מצב וואס קוים מען האט אויף זיך אויסצוקומען, און אזוי איז מען אפשר נענטער צום אויבערשטן? **"דהנה באמת כל דבר אשר יעבור ויחלף על האדם בעודו בחיים חיותו בעולם הזה, הן לטוב הן להפוך חס ושלום, יש בכל דבר ברכה או קללה. על דרך משל: אם השי"ת נותן לאיזה אדם עשר גדול ורב טוב - אז הוא באמת ברכה לפי הנראה לעינים, אך אם האדם הלזה הוא נוטה על ידי זה מדרכי התורה והמצוה מגודל העשר ורב טוב שהשפיע לו השי"ת, כמו שכתוב 'ורם לבבך ושכחת' כו', והולך אחר שרירות לבו בתאוות העולם הזה, ומושל ברוחו הגבוהה על עם עני ודל, וידו תקיפה עליהם בחשבו כי כוחו ועוצם ידו עשה לו כו', ואינו משים אל לבו כי הכל הוא נשפע מאתו יתברך בכל עת ורגע, ולולא השגחתו עליו להשפיע לו זה הטוב אז היה כבר חסר מכל וכל, והוא סובר שלעולם חסן הוא לו - אז העשירות כזה אינו בכלל ברכה רק הוא עשר שמור לבעליו לרעתו רחמנא ליצלן".** יעדער איד פארשטייט, אז אויב וועט די 'עשירות' אים דערווייטערן פונעם אויבערשטן - איז די 'עשירות' בכלל נישט קיין ברכה! 'עשירות' איז נאר א ברכה אויב עס מאכט נענטער צום אויבערשטן.

**"ועל דרך זה הוא גם כן להפוך: אם איזה אדם הוא יורד מנכסיו ונעשה עני חס ושלום - אז לפי הנראה הוא קללה, אך אם הוא נותן ללבו ומתבונן בפנימיות הדבר, ושוקל בדעתו ואומר: אולי זאת הוא לטובתי, היינו, אפשר אם היה השי"ת משפיע לי הון רב ועשר גדול, אז היה כבר נשכח מלבי שמו יתברך חס ושלום רחמנא ליצלן, וכנכתב לעיל, אבל עתה שלרש אין כל, ובכל עת ורגע עיניו ולבו תלוים ומצפים לישועתו יתברך, וכפיו פרושות השמימה להספיק לו די צרכו דבר יום ביומו, ואז רואה בעיניו הגשמיים שהוא יתברך המפרנסו בכל עת במעשה נסים, ואז הוא דבוק בהשי"ת, ונותן לו שבח והודיה ומברך על הטובה שעשה לו כל צרכו, ואם כן הוא באמת ברכה".** צו זיין אן ארימאן - האט אין זיך א געוואלדיגע ברכה, אז דער מענטש זעט יעדן איינציגן טאג די ניסים וואס דער אויבערשטער מאכט מיט אים, כדי אים צו שפייזן. ער איז נישט פארזיכערט אויף זיין פינאנציעלן צושטאנד, ער איז א 'נכנע' צום אויבערשטן! ער קוקט ארויס צום אויבערשטן! ער איז אנגעלאנט אויפן אויבערשטן! ער איז 'דבוק' צום אויבערשטן!

פרעגט זיך די שאלה: וואס לוינט מיר בעסער, זיין אן עושר אדער אן ארימאן? **"ולפי זה יפול ספק בלב האדם שנכבל בחבלי העני וכדומה, אם יתפלל ויבקש מהשי"ת שיסיר ממנו העניות וכיוצא, כי מי יודע אולי הוא לטובתו, על דרך 'וה' חפץ דכאו' כו', כדי שיהא לבו נשבר ונדכה ונכנע לפני שמו יתברך, ויהא מיחל ומצפה לישועה ממנו יתברך, ואם כן היאך יתפלל להשי"ת להסיר זה ממנו ויהיה כפוי טובה ח"ו, אדרבה יודה וישבח לשמו יתברך על אשר אינו מניחו לפול ברשת ומצודת היצר חס ושלום"** צו וואס זאל ער מתפלל זיין ארויסצוגיין פון דער ארימקייט? אפשר וועט די עשירות שטערן פון 'בטחון'? אפשר וועט די 'עשירות' נישט צולאזן צו מיר אט דעם 'ביטול'?

## סימן טוב

דא אנטפלעקט דער 'אוהב ישראל' א סוד וועלכע ענטפערט אויף די אלע קווענקלענישן אויפן פשוט'סטן פארנעם: **"אך באמת יש סימן טוב שיוכל כל אחד ואחד להכיר אם הוא ברכה או חס ושלום כו'. היינו שאם זה הדחקות אינו מבטל אותו מעבודת השי"ת ואינו מעבירו על דעת קונו, אז הדבר ההוא ברכה בלי ספק, אבל אם הוא מבטל אותו חס ושלום מעבודתו יתברך, אז הוא חס ושלום כו', ויש להאדם להתפלל על דבר זה להשי"ת להושיעו מצרתו ודוחקו, כדי שיוכל לעבוד השי"ת בלב טוב ושמח בלי שום מונע".** דא האסטו א קלארע מעסטער צו וויסן דעם ענטפער אויף יעדע שאלה און ספק: דאס איז דיר 'מקרב' צום אויבערשטן, אדער איז דאס דיר 'מרחק' פונעם אויבערשטן?

דאס אלעס שטייט אין אונזער פרשה פון דער וואך. **"וזהו שאמר הכתוב 'ראה אנכי**

המשך אין עמוד ב

# קויפן יראת שמים

**פארוואס זאל איך טון אין יראת שמים, ווען די הויכע דרגה באלאנגט נישט פאר מיר, און די קלענערע דרגה האב איך שוין? • וואו איז כדאי אריינצולייגן כוחות כדי צו באקומען אביסל יראת שמים?**

**משפיע:** אה, אברהם יצחק! וואס מאכט מען?

**אברהם יצחק:** ברוך ה'. געלויבט דעם אויבערשטן.

**משפיע:** ברוך ומבורך. פיין, וואס איז היינט אויפן סדר היום?

**אברהם יצחק:** כ'האב א שאלה וואס איך האט געוואלט פרעגן.

**משפיע:** נו, לאמיר הערן.

**אברהם יצחק:** מיין שאלה איז; וויאזוי 'קויפט מען איין' יראת שמים?

**משפיע:** פשי... ווילסט 'איינקויפן' יראת שמים! אבער זאג מיר, וואס מיינסטו מיט די ווערטער 'יראת שמים'? געב מיר א הגדרה וואס דאס מיינט ביי דיר.

**אברהם יצחק:** עה, כ'וועל זאגן לויט ווי איך פארשטיי עס. דער משפיע האט לעצטע וואך נאכגעזאגט פון פריערדיגע ספרים, אז די ערשטע נקודה פון וואו עבודת ה' הייבט זיך אן, איז יראת שמים. דער משפיע האט נאכגעזאגט דעם פסוק "ראשית חכמה יראת ה'" (תהלים קיא, י), וואס ברענגט ארויס אז יראת שמים איז פאר אלעס. די זאך איז, כ'האב אנגעהויבן אריינצוקוקן אין זיך צו זען ווי מיין יראת שמים שטייט, און ס'האט מיר אויסגעזען אז לכאורה האב איך יראת שמים. פונדעסטוועגן, מיר האבן געשמועסט לעצטע וואך אז איינע פון די 'תוצאות' פון יראת שמים איז **פחד**. און דא האב איך זיך אפגעשטעלט, ווייל איך שפיר נישט קיין פחד פון אויבערשטן. אויב אזוי, האב איך אנגעהויבן טראכטן, אפשר נאַר איך זיך? אפשר פעלט מיר יראת שמים, און נאר ווען כ'וועל עס פאררעכטן וועל איך אנהייבן צו מורא האבן פון אויבערשטן?

דא האב איך זיך אפגעשטעלט, ווייל איך שפיר נישט קיין פחד פון אויבערשטן. אויב אזוי, האב איך אנגעהויבן טראכטן, אפשר נאַר איך זיך?

## צו וועלכע יראת שמים ווילן מיר צוקומען?

**משפיע:** כ'ווער נתפעל פון דיין יראת שמים אויב דו האסט יראת שמים צי נישט... אבער לאמיר פארשטיין, וואס מיינסטו אז דו שפירסט נישט קיין פחד? האסט נישט מורא צו טון א זאך אנטקעגן דעם רצון ה' חלילה? ס'איז מיר נישט קיין שאלה אז האסט מורא נישט צו נכשל ווערן מיט אן עבירה, און אויך ווען דו פאלסט דורך פרובירסטו זיך נישט צו פארענטפערן. נו, הייסט דאס נישט קיין 'פחד פון אויבערשטן'? אויב נישט, דעמאלטס אדרבא, זאג מיר וועלכע פחד דו שפירסט אז ס'פעלט דיר?

**אברהם יצחק:** אוודאי האב איך א געוויסע פחד, אבער למעשה, בשעת איך לערן אדער דאוון, אדער סתם אזוי במשך דעם גאנצן טאג, שפיר איך נישט קיין פחד ה'. איך ציטער נישט פונעם אויבערשטן...

**משפיע:** דער אמת איז אז האסט יעצט אנגעכאפט ממש די 'שפיץ' פון יראת שמים. רעדסט פון א דרגה וואס יעדער עובד ה' קוקט אויס דערויף. אבער דארפסט וויסן אז **די דרגה קען נאר קומען נאכדעם וואס מ'האט א שטארקע הכרה אין מציאות ה'**, אויף אזוי ווייט, אזש מ'קען עס ממש שפירן. ס'איז הונדערט פראצענט קלאר אז מ'שטייט פאר א מלך און אז די גאנצע אייגענע עקזיסטענץ איז כל-כולו אנגעוואנדן בלויז אינעם מלך. ערשט דעמאלטס, ווען די אנערקענונג דערין איז אזוי פאקטיש און מציאות'דיג, טוט א מורא'דיגע פחד באפאלן דעם מענטש.

אבער למעשה, דאס איז א הויכע מדריגה אין יראה, און כאטש מיר ווילן אוודאי צוקומען דערצו - היות דער הייליגער רמ"א האט עס אריינגעשטעלט אין די ערשטע סעיף פון שולחן ערוך: "**כְּשֶׁיָּשִׂים הָאָדָם אֶל לִבּוֹ שֶׁהַמֶּלֶךְ הַגָּדוֹל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אֲשֶׁר מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, עוֹמֵד עָלָיו וְרוֹאֶה בְּמַעֲשָׂיו... מִיָּד יַגִּיעַ אֵלָיו הַיִּרְאָה וְהַהַכְנָעָה בְּפַחַד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּבוֹשְׁתּוֹ מִמֶּנּוּ תָּמִיד**" - און געוויס דארפן מיר ארבעט כדי אנצוקומען דערצו, אבער פונדעסטוועגן, איז נאך דא אסאך עבודות און סארט התבוננות אין ענייני יראה וואס קומט איידער יענע הויכע מדריגה.

**אברהם יצחק:** אהה... שוין, שכויח פארן מיר בארואיגן. יעצט בין איך רואיג, ווייל פחד פון עבירות האב איך שוין, און ציטערן יעדע מינוט פון אויבערשטן איז שוין א מדריגה... נו, איז דאך אלעס גוט!

**משפיע:** איין מינוט, ס'גייט נישט אזוי. אן עובד ה' טראכט אנדערש. ס'ארבעט נישט אז א מענטש זאל אויסקוקן אנצוקומען ביז די העכסטע מדריגות, און גלייך דערנאך ווערן א 'מסתפק במועט', זיין צופרידן פון זיין דרגה... אייגנטליך האב איך דיר נישט געזאגט קיין שום זאך וואס בארואיגט, ווייל למעשה דארף מען אסאך אריינארבעטן און זיך שטארק מתבונן זיין כדי אנצוקומען צו די הויכע דרגה פון יראה. ס'איז א לענגערע עבודה, און פאקטיש וויל דער אויבערשטער אז מיר זאלן בעיקר טון אין די ספעציפישע עבודה - "**כי אם ליראה**", השי"ת וויל אז מיר זאלן מורא האבן פון אים.

**אברהם יצחק:** נו, בעט איך טאקע א הדרכה, וויאזוי קומט מען אן דערצו?

**משפיע:** לאמיר לערנען צוזאמען א שטיקל פון ספר 'כד הקמח' פונעם הייליגן רבינו בחיי, אין ערך 'יראת ה'', און לאמיר אביסל אריינטראכטן אין זיינע ווערטער. דא האסטו: "**עִנְיַן הַיִּרְאָה הוּא שֶׁיַּהְבִּיל הָאָדָם עִנְיְנֵי הָעוֹלָם הַזֶּה וְיִהְיוּ בְּעֵינָיו הֶבֶל וָרִיק, וְיַחְשֹׁב בְּעַצְמוֹ שֶׁהוּא עָפָר וָאֵפֶר בְּחַיָּיו רִמָּה וְתוֹלֵעָה בְּמוֹתוֹ, וְשֶׁיִּהְיֶה דָּבָר נִמְנָע אֶצְלוֹ מֵעֲבוֹר מִצְוַת אֲדוֹן כָּל הָעוֹלָם, כִּי אִי אֶפְשָׁר לְהַגִּיעַ אֶל מִדַּת הַיִּרְאָה זוּלָתִי עִם זֶה... כִּי לֹא תִתָּכֵן הַיִּרְאָה זוּלָתִי אִם יַהְבִּיל וִיבַזֶּה עִנְיְנֵי הָעוֹלָם. וְכַאֲשֶׁר יַחְשֹׁב זֶה יַגִּיעַ לְמַעֲלַת הַשִּׁפְלוּת וְהָעֲנָוָה**".

דער רבינו בחיי זאגט אונז דא דריי נקודות: **א.** 'יראה' מיינט אז מ'קוקט אראפ אויף ענייני עולם הזה. **ב.** יראה ברענגט צו אז ס'זאל בכלל נישט זיין אזא מציאות ווי טון עפעס אנטקעגן דעם רצון ה'. **ג.** די 'תוצאה' פון יראה, איז הכנעה און שפלות רוח.

## ממאס זיין אין הבלי עולם הזה

**אברהם יצחק:** ווארט, כ'מיין אז צוערשט וויל איך פארשטיין די ערשטע נקודה. לאמיר פארשטיין, וואס איז די שייכות צווישן מואס זיין אין הבלי עולם הזה - מיט יראת שמים? נאך אויף אזוי ווייט, אז דער רבינו בחיי שרייבט אז מ'קען נישט אנקומען צו יראת שמים אן דעם?!

**משפיע:** ביסט גערעכט. ס'זעט טאקע שטארק אויס פון זיינע ווערטער אז מואס זיין אין עולם הזה איז די עיקר הכנה פאר יראה. איז לאמיר טאקע אביסל אריינקלערן דערין און פארשטיין די שייכות צווישן די צוויי.

צום אלעם ערשט, די שייכות הייבט זיך אן ביי די שורש פון יראה. מיר האבן שוין אמאל געשמועסט, אז די שורש פון 'יראה' מיינט א קלארע אנערקענונג אין מציאות ה', אויף א דרגה אז מ'ווייסט אז אן דעם אויבערשטן איז גארנישט דא און די גאנצע וועלט וואס מיר זעען האט באמת נישט קיין שום אייגענע שטאנד. ווילאנג א מענטש רעדט זיך איין אז די עולם הגשמי האט זיך עפעס אן אייגענע מציאות, איז א סימן אז ס'פעלט אים נאך א קלארקייט אין די גאנצע ענין פון 'אין עוד מלבדו'. דעריבער, ווילאנג דו זעסט אז די וועלט פארנעמט נאך א ברייטע ארט ביי דיר אין הארץ, ווילאנג דו טראכסט אז ס'איז דא אזא זאך ווי 'גוטס' אין גשמיות און אז הבלי עולם הזה האבן סיי וועלכע חשיבות אין זיך, איז פשוט אז מ'רעדט דא פון א חסרון אין יראה. ס'ווייזט אז די מציאות ה' איז נאכנישט געווארן פולקאם איינגעקריצט אין הארץ.

מיט דעם קענסטו אויך פארשטיין די 'תוצאה' וואס קומט ארויס פון 'יראה'; נעמליך, פחד פון אויבערשטן. ווייל ערשט נאכדעם וואס א מענטש האט קלאר געמאכט ביי זיך אין הארץ **אז זיך אריינטון אין הבלי עולם הזה געבט אים צו שפירן ווי גלייך 'עולם הזה' האט אן אייגענע מציאות** און עפעס חשיבות צו זיך, **ווען באמת איז די געפיל א ריכטיגע סתירה מיט די מציאות ה'** וואס איז קלאר אין זיין הארץ און מח - דעמאלטס וועט ער אויסדריקליך באקומען אן עקל צו הבלי עולם הזה, ווייל ער זעט עס אלס א סתירה מיט זיין הכרה אין מציאותו יתברך! ער וועט זיך באנוצן מיט ענייני עולם הזה נאר וויפיל ער מוז, און אלעס צוליב א פחד וואס קומט כתוצאה פון זיין יראה אז די עולם הזה'דיגע זאכן זאלן נישט פארטוישן זיין הכרה בה' חלילה.

**אברהם יצחק:** זייער קלאר. אבער כ'ווייס נישט, וויאזוי הייבט מען אן? איך פארשטיי אז ווען מ'האט יראת שמים, דעמאלטס

# חסיד'יש גערעדט / המשך

המשך פון עמוד א

**נוֹתֵן כו' בְּרָכָה וּקְלָלָה' - רוֹצֶה לוֹמַר בְּכָל דָּבָר וְדָבָר יֵשׁ בְּרָכָה וּקְלָלָה, וְאִם תֹּאמַר מֵאַיִן יוָּדַע אִם טוֹב הוּא אוֹ לְהִפּוּךְ חַס וְשָׁלוֹם, לָזֶה אֲנִי נוֹתֵן לָכֶם סִימָן מֻבְהָק 'אֶת הַבְּרָכָה אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ' כו' - רוֹצֶה לוֹמַר, שֶׁעִם הַבְּרָכָה אִם תוּכְלוּ לִשְׁמֹעַ אֶל מִצְוֹת ה' וְלֹא יְעַכֵּב עַל יֶדְכֶם הַבְּרָכָה הַנִּשְׁפָּע לָכֶם, אָז בְּוַדַּאי הִיא בְּרָכָה בֶּאֱמֶת. וְ'אִם לֹא תִשְׁמְעוּ' - הוּא קְלָלָה חַס וְשָׁלוֹם לַאֲשֶׁר הִיא הַגּוֹרֶמֶת שֶׁלֹּא תִשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ה' חַס וְשָׁלוֹם, וְאֵין לְךָ קְלָלָה יוֹתֵר מִזֶּה. והשי"ת יְזַכֵּנוּ לְעָבְדוֹ בְּלֵב שָׂמֵחַ וְהַרְחָבַת הַדַּעַת מִתּוֹךְ שֶׁפַע טוֹבָה וּבְרָכָה וְכָל מִינֵי טוֹב וְכֵן יְהִי רָצוֹן אָמֵן".**

נישטא אזא זאך ווי ענדגילטיגע 'ברכות' אדער 'קללות'. עס איז פארהאן איין זאך - אין וואס אלעס ווענדט זיך: א זאך וועלכע ברענגט דיר צום "אשר תשמעו" - דאס איז א ברכה. און פארקערט - איז א קללה.

מיר גייען ארויס קלאר. מיר האבן באקומען א שליסל צו לעזן אלע ספיקות. א מענטש פרעגט: וועלכע דזשאב זאל איך אננעמען? **דער ענטפער:** אזא דזשאב וועלכע וועט דיר מאכן די לייכטסטע צו דינען דעם אויבערשטן! א מענטש פרעגט: זאל איך לערנען מיט דעם חברותא? **דער ענטפער:** אויב וועסטו דורך אים ווערן נענטער צו תורה און עבודת ה' - זאלסטו לערנען מיט אים! א מענטש פרעגט: זאל איך איינעמען א געוויסן מעדעצין וועלכע העלפט אויף קאנצענטראציע? **דער ענטפער:** אויב וועסטו בעסער קענען לערנען און פארשטיין - זאלסטו עס זיכער יא איינעמען. א מענטש פרעגט: זאל איך אינוועסטירן דא אדער דארט? דער ענטפער: נאר אויב עס וועט דיר העלפן צו לערנען און דאווענען בעסער. און אזוי ביי יעדע איינציגסטע שאלה, איז אלעמאל פארהאן איין ענטפער: **את הברכה אשר תשמעו!**

אלס תוצאה דערפון הערט מען אויף צו טון אין עולם הזה'דיגע זאכן, אבער למעשה, איך דארף עסן און טרינקען און טון פארשידענע גופניות'דיגע זאכן! דאכט זיך מיר אז ס'איז דא א ווארט פון בעש"ט הק', אז "א קליינע חסרון אין גוף איז א גרויסע חסרון אין די נשמה"...?

**משפיע:** אויף דעם ווערט געברענגט אין חז"ל (נזיר כג., אויפן פסוק אין הושע יד, י), "ישרים דרכי ה', צדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם". דאס מיינט אז אוודאי דארף מען עסן און טרינקען און טון אלעס וואס מ'דארף צו האלטן דעם גוף געזונט און פריש, און פארוואס? כדי דער גוף זאל קענען דינען דעם אויבערשטן. אבער למעשה, ענייני עולם הזה האבן צוויי דרכים אין זיך: ס'איז דא א וועג פון 'צדיקים ילכו בה', און א וועג פון 'רשעים יכשלו בה'. אייגנטליך ווענדן זיך די צוויי וועגן אין די צוגאנג און באציאונג וואס מ'געבט פאר עולם הזה'דיגע זאכן. די 'דרך הישרה' וויאזוי צדיקים פירן זיך איז אנצוקוקן אלע וועלטליכע און גופניות'דיגע זאכן אזוי ווי באדינער וואס דינען פאר א געוויסע מטרה, וויבאלד די מציאות ה' איז איבער אלעס, ס'איז אונזער עיקר חיות און ציל, און פארשטייט זיך אז פארדעם פעלט אויס צו עסן און טרינקען און שלאפן, אזוי אויך דארף מען ארבעטן און מאכן פרנסה - אבער די אלע זאכן פאר זיך האבן נישט קיין שום אייגענע אמת'ע ווערד.

טאקע דערפאר וועסטו קיינמאל נישט טרעפן א קלוגער מענטש זיצן פאר א סעודה און טיף אויסשמועסן וועלכע עסן גייט היינט ווערן סערווירט, וועלכע טעמים ס'גייט זיין און וועלכע קאלירן ס'גייט האבן, וועלכע קעיטערינג שטעלט צו די עסן (אויסער אויב ס'איז נוגע די כשרות המאכלים, פארשטייט זיך...), דערצו וועסטו אים נישט טרעפן איבערגעבן א פייערליכע שיעור כללי אויף פארשידענע סארט עסנווארג און טעמים... סך הכל עסט ער כדי צו האבן כח, און פאר גארנישט מער! איז צום שלוס, זיך ארײנלייגן אין ענייני עולם הזה, דאס מאכן א גאנצע טראסק ארום דעם - גייט אין קעגנזאץ מיט די מושג פון יראה און הכרה אין מציאות הבורא.

**אברהם יצחק:** אהא, קומט אויס אז די וועג וויאזוי מ'קען באמת וויסן וואו מ'שטייט אין יראת שמים, איז לויט וויפיל שטארק מ'איז ממאס און מ'שטייט אוועק פון הבלי עולם הזה...

ארויסצוברענגען אז אויסער זיין א 'מעסטער' - איז ממאס זיין אין ענייני עולם הזה אויך אן אורזאך, **א וועג וויאזוי צו ברענגען יראת שמים!** ווייל ס'איז דא א כלל וואס ווערט אפט דערמאנט אין ספר החינוך (מצוה טז, און נאך אסאך), אז "אחר הפעולות נמשכים הלבבות". ס'הייסט אז ווי נאר מ'פארשטייט און מען באקט איין אין הארץ אז הבלי עולם הזה זענען א סתירה מיט די קלארע הכרה אין מציאות ה', און א דאנק דעם האלט מען זיך אפ פון כסדר נאכלויפן עולם הזה'דיגע זאכן און זיכער מאכן אז זיי 'זענען אין ארדענונג' - וועט דאס אליינס שלאגן טיפעווארצלען פון יראת שמים אין הארץ. אייגנטליך איז דאס די פחד אויף וואס מיר האבן פריער גערעדט, נעמליך; **מ'האט שטענדיג מורא נישט צו ווערן ארײנגעטון אין עולם הזה אויף א פארנעם וואס וועט דערווייטערן דעם מענטש פון אויבערשטן.**

**אברהם יצחק:** געוואלדיג. אבער למעשה, איך שפיר זיך נאך ווייט דערפון. כ'שפיר זיך אזויווי די באקאנטע פסוק "אמרתי אחכמה והיא רחוקה ממני"... ווייל נאך אלע מעשיות, מיינע אלע גופניות'דיגע געוואוינהייטן פאדערן נאך זייער'ס מיטן גאנצן ברען! און בכלל, כ'בין נאך היבש אומשטאנד צו פארגעסן וואס מיר האבן דא גערעדט... אויב אזוי, וואס קען איך טון זיכער צו מאכן אז ס'בלייבט מיר איינגעקריצט אין הארץ?

**משפיע:** טאקע פון דעם האבן מיר גערעדט. ווען א מענטש פירט זיך טאג נאך טאג, מיט א קביעות, מיט **פעולות פון יראה** - וואס רעכנט אריין יעדעס מאל מען שטייט אוועק פון וועלטליכע פארגעניגנס און שוואוילטאג, ווי אויך זיך איינהאלטן פון נאכגיין די אייגענע געוואוינהייטן אדער איבריגע מותרות וואס פעלן נישט אויס, אזוי אויך סיי ווען מ'מאכט אז דער גוף זאל זיך פלאגן אויף עבודת ה' - טוט דאס דיר אלץ מער דערנענטערן צו יראת שמים.

**אברהם יצחק:** פיין, אבער וואס טוט מען ווען מ'פארגעסט די אלע זאכן?!

**משפיע:** הער מיר אויס: האב נישט מורא אז וועסט פארגעסן דערפון! מיר זאגן ביי די תפילות פון ימים נוראים "כי מידי דברי בו זכור אזכרנו עוד". דאס מיינט, אזויווי צדיקים האבן געטייטשט, אז 'מידי דברי בו' - די עצם רעדן און 'טון' אין עבודת ה', ברענגען צו דעם 'זכור אזכרנו עוד'...

אוודאי זענען דא אזעלכע אויף וועמען ס'שטייט "אשרי איש שלא ישכחך", אבער פארט איז דא א דרגה פון "ובן אדם יתאמץ בך". אט די דרגה גייט אן פאר יעדן, ס'ווערט געזאגט אויף יעדער איד וואס קוקט אויס איינצובאקן יראת שמים און קירבת ה' אין זיין הארץ.

האב נישט מורא, גיי אן, און שטייג אויפן לייטער פון יראת שמים!

## סיי א מעסטל, און סיי א גורם

**משפיע:** ביסט גערעכט, אוודאי איז עס א גוטע וועג וויאזוי אפצומעסטן יראת שמים, אבער פונדעסטוועגן איז וויכטיג

### פונקען / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

**א מענטש קען מורא האבן אפילו נאר מספק, אבער ליב האבן קען נישט מספק, אויב אזוי מוז זיין א אהבת ה' קומט נטר פון א קלארקייט אין אמונה.**

**הרה"ק היסוד העבודה זי"ע**

## דאס חסידישע לעבן

# ערשטער שיעור אין קאצק

שלמה'ס אויגן דעקלעך האבן זיך געעפנט, ער האט אין איילעניש געקוקט אויפן זייגער. ס'איז שוין שפעט. די זייגער ווייזט אויף זעקס, און למדנים אזויווי ער שטייען געווענליך אויף נאך פריער. נאר דא אין קאצק איז אפשר דער דין אנדערש - אלע זיינע שכנים אין צימער שלאפן נאך.

ער איז נ° אין קאצק, קוים אנגעקומען. ער האט נאך ניטאמאל איבערגעטראטן דעם שוועל פונעם הייליגן שרף. ער איז נאר אנגעקומען צום חצר הקודש. חברים, עובדי ה' פון זיין שטעטל, האבן אים אנטפלעקט דעם סוד פון וואו זיי שעפן זייער חיות, און ער איז מיטגעפארן מיט זיי אויף שבת אין קאצק.

אצינד איז שבת צופרי און ער וועקט זיך אויף אין די אכסניא, ארום אים געפינען זיך געוויקטע חסידים, אלע ליגן אויף זייערע בעטן אן די מינדעסטע באוועגונג. ער האט מורא אויפצושטיין בשעת זיי שלאפן. ער האט שוין פארזוכט זייער שארפקייט, וואס האט נישט אויפגעהערט אים צו שטעלן אויפן פלאץ לענגאויס די וועג אהער. ער האט מורא, מסתמא וועלן זיי אים אויסלאכן אויף אזא גאווה ווי אויפשטיין ווען אלע שלאפן. און נאך דערצו, זיך זעצן צו לערנען.

ער בל°בט ליגן.

ער קוילערט זיך פון איין ז°ט בעט צום אנדערן: זאל ער ארויסגיין פון בעט צי נישט? אויב די חבירים קימערן זיך נישט אויפצושטיין, דעמאלטס וויאזוי קען ער זיין בעסער. אזוי איז עס אנגעגאנגען ביז די לעצטע מינוט איידער סוף זמן קריאת שמע, ערשט דעמאלטס האט ער זיך מער נישט געקענט איינהאלטן. ער איז אויפגעשטאנען.

צו ז°ן גרויסע וואונדער, פלוצלונג, זענען אלע חברים געווארן וואך. ביז א קורצע צ°ט זענען שוין אלע געווען איינגעהילט אין קריאת שמע ליינען מיט גרויס כוונה.

ווען מ'האט געענדיגט ליינען קריאת שמע, האט זיך יעדער ארומגעזעצט דעם טיש. מ'האט צוגעברענגט פארשידענע מזונות און ווײן, איינער פון די חברים האט געמאכט קידוש, און אלע האבן דערקוויקט זייער הארץ צו די זעט. א טאפלטע וואונדער האט זיך באזעצט אין שלמה'ס הארץ - סיי אנבאלאנגט דאס עסן פארן דאווענען, און נאך דערצו אויפן מאכן קידוש דערויף. נו, מילא דאס עסן - ז°נע אויערן האבן שוין אויפגעכאפט שלעכטע שמועות אז קאצקער חסידים טוען גרינגשעצן די הלכה, אבער פון וואו קומט די הלכה פון מאכן קידוש ווען מ'עסט פארן דאווענען? נישט לאנג דערנאך האבן זיך אסאך פאר אויגן געוואנדן צו שלמה, זייענדיג דער איינציגסטער וועמענ'ס מויל האט נישט געקייט. "נו...", האבן זיי אים אנגעוויזן דעם טעלער אינמיטן טיש. ס'וואלט נישט געהאלפן זיך ארויסצודרייען פון די קאצקער טשעפקעס מיט אן אויסגעזויגענע טענה, און ער האט גלאט געענטפערט: "איך האב נאכנישט געדאווענט". א שמייכל איז דורכגעלאפן צווישן די אנוועזנדע, און די "נו" איז צוריקגעקומען. זייענדיג פארצווייפלט, איז אים ארויסגעפאלן די ווערטער. "איך פיר זיך נישט צו עסן און זיכער נישט צו מאכן קידוש פאר דאווענען...". אלע פנימ'ער פון די אנוועזנדע האבן זיך פארקרומט, ווי גלייך שלמה האט ארויסגעזאגט עפעס גרויליג. אין קאצק איז נישטא קיין 'איך' אויסער דעם "אני ראשון ואני אחרון". זיינע ווערטער האבן זיי ממש געגריצלט אין אויער. גל°ך האבן זיך אנגעהויבן די נודזשערייען, בעטענישן, געשרייען און דרוקענישן. איינער פון זיינע נענסטע חברים איז צוגעקומען צו אים: "שלמה, גענוג געווען! ז° א מענטש צווישן מענטשן". א צווייטער חבר האט גערופן צו אים: "בטלן, האסט דאך נאכנישט יוצא געווען מיט דיין ערשטע קידוש. שנעל, ברענגט אים די ווײן וואס מ'האט איבערגעלאזט פאר הבדלה", האט ער זיך געקערט צו ז°נע חברים, "און דו, שלמה, זאלסט נישט אפזאגן". ביז אפאר סעקונדעס איז געווארן אנגעגאסן א בעכער פאר שלמה, בשעת יעדער האט געווארט ער זאל מאכן קידוש איידערן דאווענען. אבער שלמה האט פעסט אנגעמאכט אין הארץ: זאל זיין וואס זאל נאר זיין - איך גיי נישט טון קיין זאך וואס איז אנטקעגן די הלכה; איך וועל נישט עסן פארן דאווענען! און ער האט זיך ווייטער ג'עקשנ'ט, פאר א לענגערע צייט.

נאכן זיך דורכרעדן, האבן די חסידים אפגעמאכט אנצופרעגן ביי איינעם פון די עלטערע אידן צווישן זיי, מיטן נאמען רבי חיים. דער לעצטער האט גלייך באשטימט: "תועבת ה' כל גבה לב... הפורש מן הציבור...". שלמה איז געווען מאכטלאז אנטקעגן דעם אלטנ'ס באשלוס. ער האט זיך אראפגעבויגן און זיך אונטערגעגעבן. טרערן האבן געשטיקט זיין האלז בשעת ער האָט אויפגעהויבן דעם בעכער און אנגעהויבן פארטרויערט "על כן ברך...".

"שבת!" - האבן אים די אנוועזנדע נישט געשוינט, אויף די טרויעריגע מוט וואס ער האט ארײנגעברענגט אינעם שבת.

ער האט פרובירט זיך צו הייבן העכער זיין טרויער, אבער ז°ן קול איז נאך געווען היבש פארקלעמט. מיט טרערן האט ער אנגעהויבן די ברכה. ב-ר-ו-ך א-ת-ה - - - - איי!!! א שרעקליכע זעץ האט געלאנדעט אויף שלמה'ס קאפ, און דאס בעכער איז האסטיג געווארן ארויסגעצויגן פון זיין האנט, בשעת רוב פון איר אינהאלט האט זיך אויסגעגאסן אויף אים. די טעץ מזונות איז פארשוואונדן געווארן, און שלמה איז געווארן אויסגעצויגן אויפן טיש, אין די צייט וואס איינער האט אים ארײנגעשמיסן.

"איר פארשטייט", האט געדונערט דאס קול, "פונעם אויבערשטן האט ער נישט מורא, ער ציטערט גאר פון זיינע חברים. אזוי קליין איז דער אויבערשטער ביי אים, רחמנא ליצלן, אויף אזוי ווייט אז רבי חיים שטייגט אים שוין איבער..."

"איינס", האט דער שלעגער געפראסקעט, "פארן נישט אויפשטיין, פשוט אויס מורא פון דיינע חברים. ביסט געווען א מתבייש מפני המלעיגים".

"איינס און נאך איינס", איז אראפגעקומען נאך א קלאפ אויף די פלייצעס,"פארן זיין א חושד בכשרים, אז דיינע חברים עסן פארן דאווענען און מאכן נאך קידוש... דריי, פארן מבטל זיין דעם רצון ה' צוליב די רצון פון מענטשן, אזוי אז זיי קענען דיר מאכן צווייפלען אויב יא אדער נישט אויסצופירן וואס דער אויבערשטער וויל. און פיר, פארן זיין אן עובד אלילים און דינען דיין אייגענע 'אני'".

פון דא און ווייטער איז שוין געווען שלמה'ס ווערטער: "פינף זעקס, זיבן... שמייסט אריין, האט רחמנות, איר זענט הונדערט פראצענט גערעכט פארן מיר דאס טון!"

די חסידים'ס פלאן האט גוט געארבעט. זיי זענען אויפגעשטאנען פרי פארטאגס, געדאווענט און זיך צוריקגעלייגט ווי זיי שלאפן, נאר כדי צו געבן זייער פריינד די מעגליכקייט ארײנצוטרעטן איבערן שוועל פון קאצק.

שלמה האט גוט געלערנט אין דער ערשטער שיעור, אצינד האט ער געקענט אר°נגיין צום צדיק.

**מקור: כחודו של מחט**

# טון אין גשמיות (ג)

## טון אין גשמיות פארן אויבערשטנ'ס וועגן - שטייגט מעגליך איבער אנדערע ענייני עבודות ה'?!

## שאלה:

דער אויבערשטער האט מיר באשאנקען מיט א קינדער-געבענטשטע משפחה, און צוליב פארשידענע סיבות קומט אויס אז איך דארף זיי אנטון און אויסרישן יעדן צופרי, און דערנאך אפטראגן צו די מוסדות החינוך און קינדער-גארטנס וואו זיי לערנען. פארשטייט זיך אז דאס קאסט מיר סיי כוחות הגוף און סיי כוחות הנפש, ס'טוט מיר ממש ערשעפן, אבער למעשה; נישט דאס טוט מיר וויי. מיין עיקר ווייטאג איז דאס, אז ס'קאסט מיר אפ דאס דאווענען. מ'האט מיר אויסגעלערנט פון ספרים הקדושים, אז א מענטש דארף זיך צוגרייטן צום דאווענען מיט תורה און התבוננות בגדלות ה'. אבער איך, צוליב די אומשטענדן, קען אפילו נישט אנהייבן טראכטן דערפון. מיין גאנצע 'הכנה' באשטייט פון אנטון העמדער און אנשמירן סענדוויטשעס, איינקרייזלען פיאות און נאכיאגן באסעס, און ס'איז מיר נישט אנגענעם צו זאגן; צומאל באגלייט מיט געשרייען און אויסברוכן אויף מיינע טייערע קינדער... אזוי ארום, ווען כ'קום אן צום דאווענען בין איך שוין א דער'פטר'טער, האלב מענטש און האלב אוממענטש, כ'האב מער נישט קיין כח צו מאכן א הכנה פארן דאווענען. אויך דאס דאווענען אליינס גייט שוין היבש שווערליך, אן קיין ישוב הדעת און אן קיין כח און קאפ.

מיין שאלה איז, וויאזוי ספראוועט מען זיך מיט אזא סיטואציע?

## תשובה:

**לאמיר מאכן א קורצע סך הכל פון וואס מיר האבן ביז יעצט גערעדט:**

מיר האבן אויסגעשמועסט אז עוסק זיין אין גשמיות'דיגע זאכן איז אויסדריקליך עבודת ה', און אז ס'האט צוויי חלקים: **ערשטנס - אמונה:** געדענקען אז דער אויבערשטער איז מחיה ומהווה יעדע איינציגע גשמיות'דיגע זאך, און זען די חיות אלקית וואס געפונט זיך אין יעדע דבר גשמי.

**צווייטנס** - טון די אלע דברים גשמיים **לשם מצוה,** כדי צו ערפילן דעם רצון ה':

למשל, ביי דיין שאלה, קומט אריין א רייע מצוות; מצות אהבת ישראל, מצות גמילות חסדים, און בעיקר אז דורכ'ן זיך אפגעבן מיט די קינדער ערוועבט מען א נאנטע קשר מיט זיי, וואס וועט צונוץ קומען סיי ברוחניות און סיי בגשמיות. און מ'דארף אינזין האבן אז מ'טוט די דבר גשמי פאר די סיבה, און אזוי ווערט עס איבערגעדרייט אויף קדושה.

## שמחה - טוישט דאס גאנצע בילד

אצינד איז וויכטיג ארויסצוברענגען **די וויכטיגקייט פון זיין בשמחה,** דורכאויס די עבודה.

א מענטש קען זיך זאגן: גערעכט, ס'איז טאקע עבודת ה', אבער פארוואס האט מיר דער אויבערשטער באשטימט אזעלכע שווערע עבודות? כ'וואלט זיך אסאך מער געפריידט ווען ער וואלט פארלאנגט פון מיר צו מאכן ליכטיגע עבודות! עבודות ווי איך געפין זיך אין היכל המלך, עבודות ווי כ'בין משיג טיפע השגות אין מציאות ה'. פארוואס איז מיין עבודה זיך אפצוגעבן מיט זאקן און אנשמירן קעז אויף רעפטלעך ברויט? פארוואס איז מיין עבודה צו זיין א קינדער-גארטן טישטער? נאך דערצו אז די עבודה פאדערט אסאך ליידיג-גיין, אסאך סבלנות, אסאך הארת פנים און ארויסווייזן ליבשאפט און פרייליכקייט פאר די קינדער - וואס זענען היבש שווערע זאכן צו באווייזן ווען די צייט ברענט?

אבער דארפסט וויסן, אז נאר דער אויבערשטער ווייסט פונקט צוליב וועלכע שליחות אלקית ער האט אראפגעשיקט דיין נשמה דא למטה. און אויב ער האט דיר באשערט די עבודה, מוז זיין אז דווקא דורך די שליחות וועסט מאכן א דירה בתחתונים פארן אויבערשטן. ווי נאר וועסט דאס דערהערן, אז **דער אויבערשטער האט דיר אויסגעוועלט צו דורכפירן די שליחות** און ביסט כביכול א שותף מיטן אויבערשטן ביים עס דורכפירן, וועסטו ווערן אנגעפילט מיט א מורא'דיגע שמחה! נישט נאר וועסטו זיך נישט ארומדרייען מיטן נאז אויף אראפ, נאר וועסט זיך ארומדרייען מיט א געוואלדיגע שמחה און מיט א גאווה דקדושה און פול מיט שבח והודאה פארן אויבערשטן אויף דעם וואס ער האט דיר באשטימט אזא הייליגע שליחות.

מ'דארף וויסן, אז כאטש 'שמחה של שמחה' פארנעמט א וויכטיגע טייל ביי יעדע מצוה, אזוי ווי די תורה מוסר'ט כלל ישראל אין די תוכחה "תחת אשר לא עבדת את ה' אלקיך בשמחה ובטוב לבב", און ווי די באקאנט ווערטער וואס הרה"ק רבי מענדעלע וויטעפסקער זי"ע שרייבט אז דער עיקר גילוי האלקי וואס איז פארהאן איז יעדע מצוה - ווענדט זיך אין די 'שמחה של מצוה' דערפון (וויבאלד די גילוי ווענדט זיך לויט ווי שטארק די חיבור צו די מצוה איז, און שמחה איז אן 'אויסדרוק' פון די שמחה), פונדעסטוועגן, **ווען ס'קומט צו עבודת ה' דווקא אין גשמיות, שפילט שמחה א פיל גרעסערע אין וויכטיגערע ראלע!**

מ'קען זאגן, אז אויב ביי אלע אנדערע מצוות איז שמחה א געוויסע 'מעסטער' דורך וואס מ'קען אפשאצן וויפיל דביקות דער מענטש האט אריינגעלייגט אין די מצוה, אסאך אדער ווייניג, וויבאלד א מענטש וואס ווערט דבוק אין אויבערשטן דורך א מצוה ווערט דאך אודאי אנגעפילט מיט א מורא'דיגע שמחה, דאקעגן א מענטש וואס איז נאר מקיים די מצוות מיט א חיצוניות, וועט זיכער נישט ווערן בשמחה דערפון, וויבאלד סך הכל האט ער געטון א טרוקענע פעולה. אזוי ארום קומט אויס, אז די שמחה וואס מ'האט בשעת די עבודה פון עוסק זיין אין גשמיות, איז די מעסטער וואס צייגט **אויב דאס וואס מ'טוט יעצט איז יא אדער נישט א מצוה.** ווייל ווי געזאגט, דורכ'ן אינזין האבן און צולייגן די ריכטיגע מחשבות, קען דער מענטש איבערדרייען זיין גאנצע עשיה גשמית אויף א מצוה און דביקות ה'. אבער אן צולייגן מחשבה, בלייבט עס סתם אן עשיה גשמית (אנדערש פון אלע אנדערע מצוות, וואס אפילו ווען מ'טוט זיי נישט מיט קיין כוונה זענען זיי נאך אלע מעשיות א הייליגע מצוה וואס איז פול מיט אור ה'). דעריבער, אויב א מענטש פריידט זיך מיט די עבודה - וואס דאס דרוקט אויס אויב און וויפיל דביקות בה' עס געפונט זיך דא - האט ער דערביי מקיים געווען א מצוה און רצון ה'. אבער אויב ער פריידט זיך נישט, בלייבט עס א גשמיות'דיגע ענין ליידיג פון תוכן.

דאס דערציילט אונז, אז כאטש ביי יעדע מצוה איז 'שמחה של מצוה' א געוויסע מעלה, אבער ביי עבודת הגשמיות איז עס ממש קריטיש; עס טוישט דאס גאנצע בילד, עס ברענגט אריין נשמה אין גוף און מאכט ממש 'תחיית המתים', איבערדרייענדיג א פעולה גשמית אויף א פעולה אלקית.

## אן אייגנארטיגע עבודה

דער אמת איז, אז **ס'איז דא א געוויסע מעלה דווקא ביי די סארט עבודות וואס ווערן געטון אין גשמיות.** דאס מיינט אזוי: אין א געוויסע זין, ווען א יונגערמאן טוט אן שיך פאר זיין צוויי יעריג מיידעלע, בשעת ער טראכט א מחשבה פון אמונה אז די פעולה איז א פעולה אלקית און ער טוט עס פארן אויבערשטנ'ס וועגן, טוט ער אייגנטליך א פיל העכערע עבודה ווי ביים לייגן תפילין! ווען ער שמייכלט צו זיין איין יעריג זון און צייגט אים ליבשאפט, און מתוך די אויבנדערמאנטע כוונה, רעכט ער פאקטיש אפ אסאך א הייליגערע עבודה ווי 'עבודה שבלב זו תפילה'!

אבער כדי צו פארשטיין די מחודש'דיגע ווערטער, איז וויכטיג קלאר צו מאכן די חילוק צווישן אן עבודה פון תורה און מצוות, מיט אן עבודה וואס ווערן געטון מתוך גשמיות.

די מצוות וואס ווערן געברענגט אין תורה הק' האבן א מעלה, אז זיי דארפן נישט קיין מחשבה כדי צו באקומען א קדושה. דאס עצם זיי מקיים זיין איז שוין מגלה דעם אור ה'. און די טעם דערפון איז, ווייל ס'איז נישטא קיין שום אנדערע סיבה פארוואס צו טון די פעולה. פארוואס זאל א מענטש אנטון תפילין אויפן קאפ, אויב נישט ווייל דער אויבערשטער האט אזוי באפוילן?! דעריבער, אפילו אויב דער מענטש וועט גארנישט מכוון זיין און גארנישט טראכטן, טוט שוין די פעולה חיצוניות זעלבסט אויסשרייען כבוד ה'. און דעריבער, איז עס מגלה אור השי"ת.

און וויבאלד די פעולה איז מגלה אור השי"ת, דעריבער ארבעט עס אז **די 'מעשה' אליינס איז שוין מעורר די 'מחשבה'.** דורכ'ן מקיים זיין די פעולה אלקית, ווערט אויך נתעורר מ'זאל טראכטן מחשבות פון אלקות, און די נשמה ווערט נתעורר צו נתדבק ווערן אין אויבערשטן אויך אין דעם מענטש'ס מחשבה און פנימיות.

אבער ווען ס'קומט צו עניינים גשמיים, ארבעט עס פארקערט. ווייל מצד די עצם מעשה גשמי, איז נאכנישט דא קיין שום גילוי כבוד ה', וויבאלד אויך א גוי און אפילו א בהמה עסט און טרינקט און ערציט קינדער. דעריבער ווערט פארלאנגט פון אונז צו צולייגן די אויבנדערמאנטע מחשבה אלקית, און **ערשט דעמאלטס ווערט די מעשה איבערגעדרייט אויף א מעשה פון אלקות.** די פנימיות איז דערביי מקדש די חיצוניות. **די 'מחשבה' איז מקדש די 'מעשה'** און ס'איז מגלה דעם אור ה' דערין. אבער, דאס אלעס געשעט נאר ווען דער מענטש לייגט דא צו א מחשבה אלקית, וויבאלד אן דעם בלייבט עס א מעשה גשמי אין וואס די אור ה' איז פארשטעלט.

קומט אויס, אז דווקא ווען ס'קומט צו עניינים גשמיים דרייט דער מענטש אן א פולקאמע מהפיכה לטובה. ער נעמט גשמיות'דיגע זאכן, וואס פאר זיך קוקן זיי אויס חיצוניות'דיג און אפגעזונדערט פונעם אור ה' ח"ו, און ער פארוואנדלט זיי צו מגלה זיין דעם אור ה' וואס זיי האבן! אט די חידוש גייט נישט אן ווען מ'איז מקיים אלע מצוות וואס זענען מפורש אין די תורה און ביי רוחניות'דיגע עבודת ה', כאטש און טאקע ווייל די אור ה' איז לכתחילה בגילוי דערין. דייקא ביי גשמיות'דיגע זאכן, טוט עס דער מענטש אליינס איבערדרייען אויף מצוות און עבודת ה'.

אט די מורא'דיגע חידוש איז דער עיקר תענוג און נחת רוח וואס דער אויבערשטער האט פון די נידריגע וועלט. דער אויבערשטער האט תענוג ווען אויך אין די גשמיות'דיגע, פארגרעבטע עולם התחתון ווערט נתגלה אז ס'איז באמת כל-כולו אלקות און ווערט אזוי א דירה בתחתונים לו יתברך.

פארשטייט זיך אז נאכאלץ איז פארהאן געוויסע הייליגע, געהויבענע מעלות ווען מ'איז מקיים תורה ומצוות, אבער פונדעסטוועגן, די מעלה, די 'חידוש' וואס מיר האבן אויסגעשמועסט, געשעט דווקא ווען מ'איז מקיים דעם "בכל דרכיך דעהו", "וכל מעשיך יהיו לשם שמים". דווקא ווען א מענטש נעמט א זאך אין וואס ס'האט פריער נישט געשיינט קיין אור ה', און ער ברענגט דערין דעם אור, דורך זיין אמונה און הכנעה - **איז ער מגלה כבודו יתברך ביז דא למטה.**

**מיט הצלחה און סייעתא דשמיא!**

הפצת הגליון
בק"ק וויען
נתנדב ע"י



אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג, אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, אזוי אויך אויף אלע פרטים איבערן גליון רופט
אין מאנסי: 347.452.3118 וויליאמסבורג: 347.774.0850 קרית יואל: 917.538.7491 לעקוואיד: 845.274.4847
אימעיל DD0722531385@gmail.com | תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483